האָבּן געזאָגט: וואָס וויל דער דאָזיקער פּלאַפּלער
זאָגן? אַנדערע אָבּער (האָבּן געזאָגט): ער שיינט
אויס צו זיין אַ מגיד פון פרעמדע געטער—ווייל ער
האָט אָנגעזאָגט די גוטע בּשורה פון ישוען און
19 תחית המתים. און האָבּן אים גענומען און אַוועק־
געפירט צום אַרעאָפּאַגוס, און געזאָגט: צי קענען מיר
וויסן, וואָס פאַר אַ נייע לערנונג עס איז די דאָזיקע,
20 פון וועלכער דו רעדסט? וואָרום דו בּרענגסט עפּעס
פרעמדע זאַכן צו אונזערע אויערן; מיר ווילן דערי־
21 בּער וויסן, וואָס דאָס זאָל זיין. און אַלע אַטענער
און די פרעמדע, וואָס האָבּן דאָרטן געוואוינט, פלעגן
פאַרבּרענגען די צייט נישט מיט קיין שום אַנדערס
ווי אָדער מיט זאָגן אָדער מיט הערן עפּעס נייעס.
22 און פּוילוס האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין דער מיט
פונם אַרעאָפּאַגוס און געזאָגט:
מענער פון אַטען, פון אַלעם זע איך ווי איר זענט
23 פול מיט רעליגיע וואָרום פאַרבּייגייענדיק
און זעענדיק אייערע היילי̇קטימער, האָבּ איך אויך
געפונען אַ מזבּח, אויף וועלכן עס איז געווען אויפ־
געשריבּן: צום אומבּאַקאַנטן ג־ט. זעט, דאָס דאָזי־
קע, וואָס איר קענט נישט און דינט, זאָג איך אייך אָן.
24 דער ג־ט וועלכער האָט בּאַשאַפן די וועלט און
אַלץ, וואָס איז אין איר, ער, וואָס איז האַר פון
הימל און ערד, וואוינט נישט אין טעמפּלען האַנט־
25 געמאַכטע; ער ווערט אויך נישט בּאַדינט פון מענטש־
לעכע הענט, פּונקט ווי ער וואָלט עפּעס געדאַרפט,
וואָרום ער גיט אַלעמען לעבּן און אָטעם און אַלץ;
26 און האָט פון איין בּלוט געמאַכט אַלע מענטשלע־
כע פעלקער, צו וואוינען אויף דער גאַנצער
אויבּערפלאַך פון דער ערד, בּאַשטימענדיק פעסטגע־
27 זעצטע צייטן און די גרענעצן פון זייער וואוינונג;